# צום פינטל

**גליון עב**

**פרשת ויקרא-זכור תשפ"ד**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה-פורים

**אגרת - ספר**

### א 'ספר' פאר 'קביעות'

מגילת אסתר ווערט אנגערופן 'אגרת' און ס'ווערט אנגערופן 'ספר', די גמרא (מגילה דף יט) זאגט אז דאס מאכט אויס להלכה, מיט געוויסע הלכות דארף די מגילה האבן א א צורה ווי א 'ספר', און מיט געוויסע הלכות ווי א 'אגרת'. מ'דארף פארשטיין וואס איז א 'ספר', און וואס איז א 'אגרת'. אויך דארף מען פארשטיין, ווי איז שייך אז די 'מגילה' זאל זיין ביידע, אדער איז די 'מגילה' א 'ספר' אדער א 'אגרת', וואס איז זיין עצם מהות, א 'ספר' אדער א 'אגרת'.

די חילוק צווישן א 'ספר' און א 'אגרת' איז, א 'ספר' איז א קביעות'דיגע געשרייבאכץ, געמאכט אויף א 'פארפעשענעל' (professional) וועג, און א 'אגרת' איז א עראי'דיגע צופליגענע זאך, עפעס וואס מ'נוצט צו מודיע זיין פאר מענטשן, עפעס וואס פעלט זיך אויס פאר יעצט אין די 'הוה'.

די יסוד צו דעם זעט מען אין מנחות (לב) ביי 'מזוזה', די גמרא זאגט אז 'מזוזה' איז נישט כשר אויב מ'מאכט עס ווי א 'אגרת', און רש"י (שם ד"ה כתבה וד"ה כתיבה) איז מסביר אז 'אגרת' מיינט אז ס'ווערט געשריבן ווי א 'אגרת בעלמא', מ'איז נישט מדקדק בחסרות ויתרות און מ'מאכט נישט קיין 'שירטוט'. אויך אין גיטין (דף ז) איז מבואר אין תוס' (ד"ה א"ר יצחק) אז אפילו דברי תורה דארף אלעמאל 'שירטוט', אבער דברי תורה אין א 'אגרת' דארפן נישט קיין 'שירטוט'. און די יסוד איז ווייל א 'אגרת' איז אויף א עראי'דיגע וועג, און ס'האט נישט די חשיבות אז ס'זאל דארפן 'שירטוט'.

כעין ווי היינטיגע צייטן איז דא חילוקים, 'ספרים' און ביכער גיבט מען ארויס מער קביעות'דיג, און עטווערטייזמענט און גליונות גיבט מען ארויס מער עראי'דיג, מיט שוואכערע סארט פאפיר, ריסייקלינג פאפיר וכדומה. כעין זה איז דא א חילוק צווישן 'ספרים' און 'אגרות', 'ספרים' איז אויף מער א קביעות'דיגע וועג ווי 'אגרות'.

'ספר' איז פון די לשון 'ספירה' ציילן (רד"ק). א 'ספר' איז געציילטע געמאסטענע און אויסגערעכנטע ווערטער, פארקערט ווי א 'אגרת' וואס איז פון די לשון 'אגר ואסיפה' צוזאמזאמלען (השרשים לרד"ק ערך אגר), צוזאם געזאמעלטע ווערטער 'מכל הבא ליד', אָן קיין שום סדר.

א 'ספר' דארף האבן 'קלף' 'דיו' און 'שירטוט' (סוטה פרק ב). און דאס ליגט אין די עצםווארט 'ספר', א 'ספר' מיינט א מסודר'דיגע געשרייבאכץ מיט שיינע שורות, משירטוט'דיגע שורות, פארקערט ווי א 'אגרת' וואס איז א צוזאמברענגאכץ

> **די 'תוכן' פון די מגילה איז א לייכטע 'תוכן', א שיינע 'סיפור', ס'איז נישט דא קיין שמות הקדושות, און ס'איז נישט דא קיין דברי מוסר, וואס דאס שרייט שטארק ארויס די חלק ה'אגרת' שבו**

פון ווערטער, אָן קיין תכלית פאר שיינקייט און מסודר'דיג'קייט, אָן שירטוט (כמבואר לעיל מהגמ' במנחות לב. וכן מבואר בהכתב והקבלה על במדבר פרק ה פסוק כג דחז"ל למדו 'שירטוט' מעצם המילה 'ספר', ד'ספר' פירושו 'קלף משירטוט', ומביא ראיה לזה מבראשית רבה פרק כד 'אפילו סירגולו [שירטוטו] של ספר אדה"ר לימדו שנאמר זה ספר, הוא וסירגולו', ועי"ש מה שמחדש בפירוש המילה 'ספר', אבל לפי מה שנתבאר ד'ספר' היא מלשון 'ספירה' אין צורך לחידושו הגדול עי"ש).

### אגרת שלומים

שטייט אין הלכות חול המועד (סימן תקמ"ה סעיף ב משנה ברורה סק"ל) אז שרייבן א 'אגרת שלומים' האט גרינגערע הלכות, ווייל 'אגרת שלומים' איז א עראי'דיגע געשרייבאכץ, ס'האט נישט די שטארקע קביעות פון מלאכה. אזוי שטייט אויך אין הלכות ערב שבת (הלכות שבת סימן רנא) אז א 'אגרת שלומים' קען מען שרייבן אפילו נאך מנחה קטנה. אויך אין הלכות פורים (סימן תרצ"ו) שטייט אז א 'אגרת שלומים' געשריבן אויף א עראי'דיגע אופן, מעג מען שרייבן אין פורים. אויך אין הלכות תשעה באב ברענגן עס די פוסקים.

'אגרת שלומים' איז א בריף וואס מ'שרייבט צו איינעם צו באגריסן, מ'איז נישט מדקדק ביי דעם אז ס'זאל ארויסקומען גוט (משנה ברורה הל' חול המועד שם, ובביאור הלכה שם). עטוואס ענדליך צו דעם איז אויך יעדער סארט 'אגרת', יעדער 'אגרת' - אנטקעגען א 'ספר' - ווערט געמאכט אויף א לייכטערע אופן, מ'איז נישט מדקדק אויף די שיינקייט און אויף די 'סדר' אזויווי ביי א 'ספר'.

פארשטייט זיך אז אין פונקטליכקייט איז דא אסאך דרגות, ווי וויכטיג די געשרייבאכץ איז, לייגט עס צו צו די קביעות און צו די פינקטליכקייט, וואס דאס מיינט אז ס'איז מער ספר'דיג. און ווי מער די גאנצע תכלית איז נאר פאר יעצט, איז מען ווייניגער מדקדקביים שרייבן, און ס'ווערט מער אגרות'דיג. און לויט דעם שאצט זיך די הלכה צו מען מעג שרייבן חול המועד, געוואנדן ווי עראי'דיג און ווי קביעות'דיג ס'איז.

### זכרון בספר

א 'ספר' איז 'לזכרון', 'כתב זאת זכרון בספר', 'ויכתב בספר זכרון לפניו', א 'ספר' איז געמאכט צו פארשרייבן און פארפאקן לדורות, 'זכרון לדורות', פארקערט פון א 'אגרת' וואס איז נישט 'לזכרון'. א 'אגרת' איז נישט די סדר אוועקצולייגען, א 'אגרת' דרייט זיך ארום און איז מודיע די ענינים וואס ער איז מודיע, ווי ס'איז מבואר פון די מדקדקים (חשק שלמה לרש"פ ערך אגר) אז 'אגרת' איז מלשון 'גרירה', דאס איז זיין מהות, א 'אגרת' שלעפט מען אים ארום פון איינעם צום צווייטן, און דורך דעם קומט אָן די ידיעות וואס זענען עומדין על

המשך בעמוד הבא

הפרק צו יעדן איינעם.

'מגילת אסתר' דארף זיין 'קלף' מיט 'טינט' אזויווי א ספר תורה (כאמיתה של תורה), אויך אנדערע פלעצער ווי מ'דארף א 'ספר', זאגען די חז"ל אז דאס מיינט 'קלף' מיט 'טינט'. דאס איז די הגדרה פון א 'ספר' אז ס'איז געשריבן אויף א אופן וואס איז מתקיים, מיט קלף און טינט וואס האלט זיך פאר לאנג, 'למען יעמדו ימים רבים'. מה שאין כן א 'אגרת' וואס איז געמאכט נאר פאר יעצט, איז די קוואליטעט פון די פאפיר און די טינט נישט גוט, ווייל די תכלית איז נאר צו מודיע זיין פארן צווייטן וואס ס'פעלט זיך אויס (מלבי"ם במדבר ה כג 'הספר נכתב להיות קיים לעולם' מה שאין כן אגרת).

א 'אגרת' איז מקשר די צוויי צדדים, דער משלח מיט די נשלח ווערן מקושר דורך די 'אגרת' וואס איז מקשר צווישן זיי. א 'ספר' לייגט דער 'מחבר הספר' ארויס אין געשעפט, און דער קונה קומט און קויפט, דער מחבר הספר מיטן קונה האבן נישט קיין שייכות, פארקערט ווי א 'אגרת' וואס איז א דיירעקטע קשר צווישן דעם 'משלח' אונעם 'נשלח'. א ספר איז געמאכט 'לזכרון', צו סטארידזשן (storage, איחסון) אינפארמאציע וואס דער ארויסגעבער איז אונטערעסירט מ'זאל עס געדענקען. א 'אגרת' איז פארקערט, א 'אגרת' איז נישט דא צו האלטן די ידיעות אינעם פאפיר, א 'אגרת' איז דא פשוט אריבער צו פירן די ידיעות צום 'נשלח'.

אויב די מגילה איז א 'ספר', מיינט דאס א 'ספר זכרון', 'כתבוני לדורות', א יוד נעמט ארויס די 'מגילת אסתר' פון שאנק, און ער דערמאנט זיך אין די גרויסע ניסים וואס איז געשען צו די יודן, א ספר זכרון לדורות. און אויב די מגילה איז א 'אגרת', איז דאס ווי א בריוו פון מרדכי ואסתר צו די יודן, סיי צו די יודן פון יענער דור, און סיי צו די יודן פון אלע דורות, דאס איז א עקסטערע געשמאק ביים ליינען די מגילה, זייענדיג א דיירעקטע בריוו פון מרדכי ואסתר צו אונז, גראד פונעם 'משלח' צום 'נשלח'.

## אגרת לקריאה

די לומדים קאכן אויס פון די ראשונים (רמב"ן) אז ס'איז דא די עצם מגילה, און ס'איז דא די חלק התוכן, די עצם מגילה דארף זיין כדין 'ספר', און די תוכן און די סיפור איז מער די דינים פון 'אגרת'. אסאך הלכות פון 'אגרת' איז ביים ליינען די מגילה, ווייל ביים ליינען קומט שטארק ארויס די חלק האגרת, ביים ליינען איז שטארק בולט די תוכן און די סיפור.

א 'אגרת' איז מער א ביליגע זאך, און א 'ספר' איז מער א חשובע זאך, די אינפארמאציע אין א 'אגרת' איז מער ביליג, און די אינפארמאציע אין א 'ספר' איז מער חשוב. א 'אגרת' איז די עיקר נאר די תוכן הדברים וואס קומט ארויס, און א ספר איז די עיקר די עצם גוף הספר, די עצם גוף הספר געבט אסאך צו אז אויך די תוכן באקומט א אנדערע דרגא און חשיבות.

ס'איז דא א מחלוקת (משנה ידים פרק ג משנה ה) צו 'מגילת אסתר' איז געזאגט געווארן ברוח הקודש, און צו ס'איז מטמא די ידים (הסוגיא במסכת מגילה דף ז ע"א). די אחרונים שטעלן צו אז דאס איז די זעלבע ענין פון 'ספר' און 'אגרת', אויב ס'איז ב'רוח הקודש' און ס'איז מטמא די ידים, מיינט דאס אז ס'האט די חשיבות פון א 'ספר', און אויב ס'איז נישט ברוח הקודש, און ס'איז נישט מטמא די ידים, מיינט דאס אז ס'איז סתם א 'אגרת בעלמא'. כעין ווי די גמרא זאגט אז 'נבואה שהוצרכה לדורות' איז פארשריבן געווארן, זאכן וואס זענען פארשריבן געווארן לדורות, מיינט דאס אז זיי זענען געשריבן געווארן ברוח הקודש פאר א נבואה לדורות. און ממילא איז עס שוין אויך מטמא די ידים, ווי די דין פון א 'ספר' אז ס'איז מטמא די ידים. (כך מבואר ברמבן דטומאת ידים תלוי בשם ספר).

די לומדים האבן רייד וועלכע איז די עיקר און וועלכע איז די טפל, די עיקר איז די חלק ה'ספר', די חלק ה'אגרת' איז נאר ווי א טפל, אדער פארקערט, די עצם מגילה איז בעיקר א 'ספר' אדער די עצם מגילה איז בעיקר א 'אגרת'. זיי זענען עס תולה אין די מחלוקת רמב"ם ורמב"ן צו מגילה דארף האבן עיבוד לשמה (מובא שני השיטות במחבר סימן תרצ"א סעיף א), דער רמב"ן האלט אז אלע הלכות דארף די מגילה האבן ווי א 'ספר', נאר דאס וואס די חז"ל זאגן בפירוש אז נישט, דאן איז דאס ווי א 'אגרת'. און דער רמב"ם האלט פארקערט, אז מיט אלעס איז עס ווי א 'אגרת', נאר דאס וואס שטייט בפירוש אז מיט דעם איז עס ווי א 'ספר', דאן איז עס ווי א 'ספר' (עי"ש בסימן תרצ"א בבית יוסף בשם המגיד משנה).

א שטארקע כללות'דיגע הכרעה איז ווי געשמועסט, אז ס'קען זיין ביידע, די עצם 'קלף' מיט די אותיות און די ווערטער, כלפי דעם איז עס ווי א 'ספר', און כלפי די תוכן און די קריאה, כלפי דעם איז עס מער ווי א 'אגרת'. און די טעם איז ווייל 'ספר' מיינט דאך די עצם גוף הקלף והאותיות, ממילא מיט דעם דארף עס זיין ווי א ספר, און 'אגרת' מיינט בעיקר די ידיעה און די קריאה פון די תוכן, ממילא כלפי די תוכן איז עס הלכה ווי א 'אגרת'.

און די עומק הדבר איז ווייל די 'תוכן' פון די מגילה איז א לייכטע 'תוכן', א שיינע 'סיפור', ס'איז נישט דא קיין שמות הקדושות, און ס'איז נישט דא קיין דברי מוסר, וואס דאס שרייט שטארק ארויס די חלק ה'אגרת' שבו. ממילא כלפי די תוכן און די קריאה גייט מען אז ס'איז ווי א 'אגרת'.

'מגילת אסתר' איז גרינגער ווי אנדערע סת"ם, די מחלוקת צו די 'קלף' דארף זיין מעובד לשמה (כנ"ל הרמב"ם והרמב"ן), אויך איז דא א מחלוקת צו מ'דארף מאכן 'תגין' אין די מגילה, אויך איז די הלכה אז מגילה דארף נישט זיין געשריבן כסדרן. און די אלע זאכן האבן א שייכות מיט דעם אז 'מגילה' איז א 'אגרת'.

## הלכות מכח אגרת

אין גמרא (י"ט ע"א) שטייט אז מ'קען ליינען די מגילה סיי שטייעדיג און סיי זיצעדיג, 'הקורא את המגילה עומד ויושב', ביי 'קריאת התורה' מוז דער 'בעל קורא' שטיין, און דער רמב"ן זאגט אז דאס איז מכח דעם וואס דער מגילה איז ווי א 'אגרת'. א מגילה איז כשר ווען ס'פעלט אביסל ווערטער, וויבאלד ס'פעלט נישט רוב ווערטער, די פוסקים ברענגען פון רמב"ן אז די טעם איז ווייל די 'מגילה' הייסט א 'אגרת', און א 'אגרת' איז מען נישט אזוי מדקדק ס'זאל נישט פעלן קיין איין ווארט.

דאס איז אויך די טעם פארוואס 'אין מדקדקין בטעיותיה', ווי ס'איז מבואר אין שלחן ערוך (תר"צ סעיף יד) אז מ'דארף נישט אויסבעסערן דעם 'בעל קורא' אויב ער האט געמאכט א 'טעות', יש אומרים אז אפילו א טעות וואס איז משנה די משמעות פון די ווארט (עי' ביאור הלכה שם ד"ה 'אין מדקדקין'), און יש אומרים אז נאר א טעות וואס איז נישט משנה די משמעות, אפילו ביי 'קריאת התורה' דארף מען אויסבעסרן, אבער ביי 'קריאת המגילה' נישט. אזוי צו אזוי, איז 'קריאת המגילה' גרינגער ווי ביי 'ספר תורה', אז אפילו א טעות וואס איז נישט משנה, דארף מען לכתחלה אויסבעסערן, און די שורש פארוואס מגילה איז גרינגער איז וועגען דעם, ווייל ס'ווערט אנגערופן 'אגרת'.

נאך א הלכה שטייט אין רמ"א (סימן תרצ"א סעיף ב) אז די פרשיות אין די מגילה מוזן זיין 'סתימות', ווייל 'סתומות' איז מער די סדר פון א 'אגרת'. און די ביאור איז ווייל 'סתומות' איז סתם א הפסק, מה שאין

המשך בעמוד האחרון

## 'השתוות' אין פורים

פורים איז מען פרייליך, מ'עפענט זיך און מ'פארגלייכט זיך, מ'לעבט באחדות'דיג מיט גאנץ כלל ישראל צוזאמען. פורים איז א יום טוב פון 'השתוות', מ'טרינקט אביסל און ס'גייט אוועק די הגבלות פון 'שלי' און 'שלך', מ'פאנגט אָן צו מישן און פארגלייכן צווישן ארור המן און ברוך מרדכי, מ'פארשטעלט זיך, ס'ווערט אויסגעגלייכט צווישן דעם גרויסן און קליינעם, אלע לעבן צוזאמען מיט'ן הייליגן יום טוב. אפילו די יודן וואס פירן זיך ווי די רמ"א נישט צו שיכור'ן, מ'כאפט נאר א טרינק 'יותר מלימודו' מיט א קליינע דרימל, איז מיט די 'פועל דמיוני', ווערט א משהו הסתלקות הדעת וואס געט די כח פון השתוות און התכללות פון פורים.

פורים כיום הכיפורים, יום כיפור איז די שפיץ פון ערנסקייט, פורים איז די שפיץ פון פרייליכקייט, אוןביידע האבן די זעלבע נקודה פון 'השתוות', יום כיפור בעט מען זיך איבער איינער מיט די אנדערע, מ'פארגלייכט זיך מכח די נשמה, און פורים פארגלייכט מען זיך מכח די גוף, די גוף איז בשמחה און ס'פאלט אוועק אלע 'קפידות', אלעס פארגלייכט זיך פון זיך אליינס. יום כיפור איז א 'השתוות' מכח ה'שכל', דורך די נארמאלע וועג וויאזוי מענטשן פארגליכן זיך, דורכן זיך איבערבעטן איינער מיט די אנדערע. און פורים איז די 'השתוות' איגאנצן אנדערש, פורים איז די 'השתוות' דורך 'רגש' הגוף, דער מענטש ווערט איבערגענומען מיט שמחה און ברייטקייט, וואס אויטאמאטיש פאלן אוועק אלע קפידות. יום כיפור איז אחדות הנשמות, אחדות השכל, און פורים איז אחדות הגוף, אחדות פון די יודישע רגש.

## שלי שלי ושלך שלך

פורים ערלויבט מען זיך וואס מ'וואלט זיך נישט ערלויבט א גאנץ יאר, א גאנץ יאר איז 'שלי שלי ושלך שלך' כפשוטו, פורים לאזט מען נאך א משהו, ווי די פוסקים (רמ"א סימן תרצו סעיף ח) זאגן אז פורים איז א משהו גרינגער. אויב מ'האט מזיק געווען א צווייטן מכח שמחה, איז מען נישט מדקדק און מ'דארף נישט צאלן, ווייל פורים לאזן די 'קפידות' אביסל נאך.

שטייט אין די משנה 'שלי שלי ושלך שלך', א גאנץ יאר האט עס איין טייטש, און פורים האט עס א אנדערע טייטש, פורים ווערט די 'שלי שלי ושלך שלך' אביסעל אויסגעברייטערט, 'שלי' איז נישט אזוי שארף 'שלי', און 'שלך' איז נישט אזוי שארף 'שלך'. ווי די פוסקים זענען מסביר אז איך בין מוותר אויב די ביסט מיך מזיק, ווייל איך וויל די זאלסט מוותר זיין אויב איך בין דיך מזיק, ממילא איינמאל א יאר איז מען זיך מוותר איינער פאר די אנדערע.

א 'קפדן' האט זיך זיין טייטש אין 'שלי שלי ושלך שלך', און א וותרן האט זיך זיינס, אויך ביי יעדער מענטש זעלבסט איז דא פארשידענע צייטן, צייטן פון קפדנות, וואס מ'שטייט אויף די אייגענע רעכטן בכל התוקף, און צייטן פון 'ותרנות', אזוי ווי פורים. פורים מיינט 'שלי שלי' עפעס אנדערש. דאס איז די גרויסע געטיילאכץ פון משלוח מנות מיט מתנות לאביונים, ארויס צו גיין פון די קפידות פון 'שלי שלי'.

## למלא פיו שחוק

שטייט אין אליה רבה אז פורים איז אויך דא די איסור פון 'אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה' וועגען די חורבן בית המקדש, אנדערע זענען מקיל אז פורים גייט נישט אָן די איסור פון שחוק (כמבואר בפוסקים). די טעם פון די מקילים שטייט אין ספרים אז פורים זענען די יודן אויסגעלייזט געווארן פון די צרות פון המן, און מ'האט זיך דערנענטערט צו די גאולה פון די צווייטע בית המקדש, ביים צווייטן בית המקדש איז געווען מותר 'למלא שחוק פיו', ממילא אויך אונז ווען אונז פראווענען דעם 'זֵכר' לפורים, איז דאס א מעין יענע גאולה, און ס'איז נישט דא די איסור פון 'למלא שחוק פיו'.

אויך איז פורים מעין די 'גאולה העתידה' וועט גייט ווערן מותר 'שחוק', ביי די גאולה העתידה וועט מען זיך דערמאנען אלע צרות פון גלות, און מ'וועט לאכן מיט א פילע מויל ווי אלע צרות זענען אוועקפלויגן, און אזוי אויך פורים לאכט מען מיט א פילע מויל אויף די אלע צרות פון המן, ווי אלעס האט זיך איבערגעדרייט צום גוטן. און מעין דעם האט אויך יעדער זיין גאולה פרטית, און זיינע פראבלעמען און צרות, מ'לאכט מיט א פילע מויל פון די אלע צרות, מ'דערמאנט זיך ווי שרעקעדיג די צרות זענען געווען, און מ'לאכט זיך גוט אויס ווי אלעס איז פארשווינדן געווארן. און כל שכן ווען מ'איז נאך ל"ע אין די צרה, לאכט מען און מ'פרייט זיך מיט א בטחון אז די ישועה איז שוין דא.

> **פורים כיום הכיפורים, יום כיפור איז די שפיץ פון ערנסקייט, פורים איז די שפיץ פון פרייליכקייט, און ביידע האבן די זעלבע נקודה פון 'השתוות'**

שטייט אין די פוסקים אז אויב א מענטש האט געהאט ל"ע א צרה און ער איז געווארן אויסגעלייזט, זאל ער קובע זיין א אייגענע 'פורים', א קביעות פאר אים און פאר זיינע דורות שפעטער. און אויך ביי זיין פרטיות'דיגע פורים, ביי זיין פרטיות'דיגע גאולה, איז שייך די קולא פון 'מילוי שחוק פיו', זיך פרייען און דאנקן דעם אייבערשטן מיט א פילע מויל פון שחוק. 'שחוק' איז אסור נאכן חורבן, ווייל ס'פאסט זיך נישט אריין אין די טבע העולם, 'שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה', שחוק וקלות ראש איז סותר די סטראקטשער און די סדר פון די וועלט, ס'צוווארפט אלעס.

דאס איז ביי נארמאלע פעלער, אבער ווען א יוד איז געווארן אויסגעלייזט פון זיינע פראבלעמען און צרות, ביי אזא יוד איז דאס נישט בגדר 'שחוק וקלות ראש', פארקערט דאס באלאנסירט די טראמע פון די צרות. 'צרות' שלעפט אראפ דעם מענטש און א פארמאכטע שרעקעדיגע וועלט, און ווען ער ווערט אויסגעלייזט קומט ער צוריק אריין אין וועלט, און ער לאכט זיך אויס מיט א פילע מויל פון אלע פחדים און דמיונות, ער פריידט זיך מיט זיין גאולה פרטית.

כן 'פתוחות' וואס ווייזט מער אויף סדר, מ'פאנגט כאילו אָן א פרישע שטיקל מיט א פרישקייט, און היות די 'מגילה' האט א דין 'אגרת' וואס איז נישט קיין מסודר'דיגע זאך, דארף די מגילה זיין געשריבן 'סתומות'. (באמת איז דא אסאך חולקים אויף די רמ"א, בפרט דאס אז די רמ"א פסל'ט די מגילה אפילו בדיעבד, אבער הנוגע לענינינו, היות די סדר ביי א 'אגרת' איז 'סתומות', האלט דער רמ"א איז מיט דעם דארף עס זיין דומה צו 'אגרת' און מ'דארף מאכן די מגילה 'סתומות').

## מנהגים מכח אגרת

די מנהג איז אז דער 'בעל קורא' שפרייט אויס די מגילה בשעת קריאת המגילה, אזיווי ביים ליינען א 'אגרת' (כמבואר בפוסקים). מ'דארף פארשטיין וואס מיינט דאס אז א אגרת איז אויסגעשפרייט, כפי הנראה מיינט דאס אז ווען מ'לערנט אין א 'ספר' ליגט דער ספר ביים טיש שיין און מסודר, אבער ווען מ'ליינט בריוון פליט אלעס ארום איבער די גאנצע טיש, איבעראל איז אנגעלייגט מיט בריוון און צעטלעך, די בריוון זענען אויסגעשפרייט און וואלגערן זיך ארום (אויך טרעפט מען א משמעות אז א 'אגרת' איז געוועטליך מער א לענגערע סארט פאפיר, כך ראיתי בספר ושכחתי המקור).

די פוסקים ברענגן פון רמב"ן אז אפילו על פי הלכה מעג מען מפסיק זיין, אבער מ'פירט זיך אז מ'איז נישט מפסיק, ס'זאל זיין אזיווי א 'אגרת' וואס די סדר איז צו ליינען שנעל און אויפאיינמאל (וכן היא בטור סימן תר"צ). ווייל א 'אגרת' איז די סדר אז מ'ליינט עס מיט א לייכטקייט, מ'ליינט עס נישט מיט אזא 'כובד ראש' אזיווי מ'ליינט א 'ספר', ממילא ליינט מען עס שנעל אויפאיינמאל (כעין ווי ביי 'גליונות' און 'אויסגאבעס' וואס מ'ליינט מער לייכט אויפאיינמאל, אנטקעגען א 'ספר' וואס מ'ליינט מער בכבוד ראש).

און ווי די לומדים זענען מסביר איז די גאנצע 'אגרת' ביי מגילה, מער מיוחד פארן ליינען, היות 'אגרת' מיינט אז די חלק הכתב איז נישט אזוי שטארק ביי דעם, די חלק הקריאה איז שטערקער, ממילא איז דוקא ביי קריאה, וואס איז דא די מנהגים פון 'אגרת'.

## וישלח ספרים

אין 'מגילת אסתר' שטייט עטליכע מאל אז מ'האט געשיקט בריוון און די לשון איז אלעמאל אז מ'האט געשיקט 'ספרים', אין פרק א פסוק כב שטייט 'וישלח ספרים אל כל מדינות המלך', אין פרק ג פסוק יג שטייט 'ונשלוח ספרים ביד הרצים', אין פרק ח פסוק ה שטייט 'להשיב את הספרים מחשבת המן', שפעטער אין פסוק י 'וישלח ספרים ביד הרצים בסוסים', שפעטער אין פרק ט פסוק כ שטייט 'ויכתב מרדכי את הדברים האלה וישלח ספרים אל כל היהודים', אין פסוק כה שטייט 'אמר עם הספר' און ווי רש"י איז מסביר 'אמר המלך בפיו וצוה לכתוב ספרים'.

און ווי ס'קוקט אויס איז די טעם, ווייל די בריוון זענען געשיקט געווארן פון די קעניגליכע פאלאץ, געשריבן אויף א חשובע און פארפעשענעל וועג, אויף 'קלף' און 'דיו' וואס איז מתקיים, מיט א סדר און מיט א פונקטליכקייט ווי עס פאסט פאר א קעניגליכע בריוו, נאכדעם איז עס נאך געחתמט געווארן מיט די טבעת המלך, ממילא זענען די אלע בריוון נישט געווען אין כלל פון א 'אגרת', נאר אין כלל פון 'ספרים'.

## קִיַּם וְנִכְתָּב בספר

לאמיר זען אביסל אינדערוויניג די פסוקים אין 'מגילת אסתר', אין פרק ט פסוק כ שטייט ויכתב מרדכי את הדברים האלה וישלח ספרים אל כל היהודים, און רש"י איז מסביר אז ער האט אראפגעשריבן די גאנצע מגילה און עס ארומגעשיקט פאר די יודן, און ס'ווערט דארט אנגערופן 'ספר'. שפעטער שטייט צוויי מאל 'אגרת', 'על כן קראו לימים האלה פורים על שם הפור, על כן על כל דברי האגרת הזאת', 'ותכתוב אסתר המלכה בת אבחיל ומרדכי היהודי את כל תוקף לקיים את אגרת הפורים הזאת השנית', איז וואס איז די 'מגילה' א 'ספר' אדער א 'אגרת'.

פון דעם האבן די חז"ל ארויסגערלערנט אז די מגילה האט ביידע, די מגילה איז א 'ספר' און אויך א 'אגרת', זיין עצם מהות איז א 'ספר', אבער ער האט אויך פארשידענע קולות מ'כח דעם וואס ער ווערט אנגערופן 'אגרת'. דער רמב"ן (מגילה יז א ד"ה הא דתנן, ריטב"א מגילה יט ע"א ד"ה מה"מ אתיא) לייגט עס אראפ אז זאכן וואס זענען אין די עצם גוף (קלף דיו שרטוט), מיט דעם איז זיין דין ווי א ספר, און ביי זאכן וואס זענען פון אינדרויסן פון זיין עצם (תפירה בפשתן, השמיט הסופר אותיות עד רוב), ביי דעם איז זיין דין ווי א אגרת.

ס'איז דא וואס ווילען גיין אז מתחלה איז עס געווען א 'אגרת', און שפעטער איז עס נקבע געווארן פאר א 'ספר', ווי די פסוק זאגט 'ומאמר אסתר קים דברי הפורים האלה ונכתב בספר'. און מיט דעם טייטשט מען די חז"ל אז אסתר האט געבעטן 'כתבוני לדורות' (צוויי מאל איז דא די מימרה 'כתבוני לדורות'), אסתר האט געבעטן פון די אנשי כנסת הגדולה דאס גופא, אז די אגרת זאל ווערן בגדר 'ספר קבוע' אויף דורות.

דאס אז די 'מגילה' איז אביסל א 'ספר' און אביסל א 'אגרת', איז מרמז אז די 'מגילה' איז די התחלה פון 'תורה שבעל פה', וואס האט זיך שטארק צוקאכט אין יענע צייט. די אנשי כנסת הגדולה האבן חותם געווען 'מגילת אסתר', נאכדעם האט זיך געענדיגט די נבואה, און ס'האט זיך שטארק צוקאכט די 'תורה שבעל פה', און די מגילה וואס איז ווי א ממוצע צווישן א 'ספר' און א 'אגרת', איז כאילו די אריבערפיר פון תורה שבכתב צו תורה שבעל פה. און ווי געשמועסט אז 'אגרת' מיינט די 'תוכן' און די ידיעה וואס ס'קומט ארויס, וואס דאס ווייזט אויף תורה שבעל פה.

נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה

לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559
אויף אידיש 1,
1. שיעורים מהתקופה האחרונה | 2. שיעורים | 3. דיבאטעס | 4. יום יומי שיעורים | 5. על הפרשה | 6. משנה וגמרא | 7. הלכה | 8. מוסר וחסידות |
9. סיפורי צדיקים | 10. אינטערסאנטע טאפיקס | 11. שבת | 12. מועדים | 13. נשואין | 14. פארברענגען | 15. מדרש | 16. סליידס (שקופיות) | 17. הצגות
אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: י.ב. +972-50-413-8477